STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01426

DER HUMORIST

Permanent preservation of this book was made possible
by Martin & Joyce Cornick
in honor of
the marriage of Kym & Eugene Cornick, July 3, 2000

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ביכער־פאר־אלע“, ווארשע.

דער הומאריסט.

יידישע וויצען און אנעקדאטען.

א.

געזאמעלט און רעדאגירט
דורך מ. אסיפאוו.

ערשטע זאמלונג.

ווארשע. — תרס"ח.
בדפוס „האור“, ווארשע, דלוגא 11.

ДЕРЪ ГУМОРИСТЪ.

Сборникъ анекдотовъ.

Подъ редакціей **М. ОСИПОВА.**

Изданіе „БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЭ“, Долгая 11.

ВАРШАВА 1908.

Drukarnia M. Kryński, Warszawa, Długa 11.

לינקס און רעכטס.

— וואָלסט מיר געזונד און שטארק זיין, פייוועל, זאָג נאָר, פאַר וואָס זיצען עפּעס אלע חברה-לייט אין דומע לינקס?

— וואָס פערשטעהסטו ניט, שוטה, לינקס איז דאָך צפון, און ווי שמעקט וועהר די קאַלטע געגענדען...

— פאַר וואָס זשע זיצען די „אמת'ע" רעכטס, פייוועל?

— אַ משל! זיי ווילען זיין נעהנטער צו'ם „יוג", וואו עס לאָזט זיך מאַכען אַ פּאָגראָמ'ל!...

דער אונטערשייד.

— ערקלער מיר, פייוועל, וואָס איז דער אונטערשייד צווישען אַ קאָנסטיטוציע ביז ניט קיין קאָנסטיטוציע?

— דו פערשטעהסט נישט, נאַר איינער! ביי ניט אַ קאָנסטיטוציע בינדט מען די ספרים, און ביי אַ קאָנסטיטוציע בינדט מען די מחברים!...

נעבאך א יתום.

— ווי פּאַסט עס פאַר אייך, ר' שמערל, איהר זאָלט מיר געבען אזא קליינע נדבה? אייער זוהן האָט מיר געגעבען אַ גאַנצען הונדערטער, און איהר ווענט קיין עין הרע 10 מאָל רייכער פאַר איהם, גיט איהר מיר נאָר 1 רובל?

— מיין זוהן מעג געבען שענע נדבות, ער האָט אַ טאַטען אַ מיליאָנער... אָבער איך, מישטיינס געזאָגט, בין דאָך נעבאַך אַ יתום!...

די גרעסטע מעלה.

— וואָס זענען די מעלות פון דיין חתן, שפרה?

— די גרעסטע מעלה איז דאָס, וואָס ער וויל מיט מיר חתונה האָבען...

איך האב פיינט אזעלכע קבצנים.

— נו, יענטע, ביזטו שוין אנגעקומען אויף דער שטעלע? — פרעגט איין קעכין ביי דער צווייטער.

— ניין, לאה, איך האב די שטעלע ניט אנגענומען.

— פאר וואס?

— איך האב פיינד אזעלכע קבצנים! די מעקלערין האט מיך אהין אריינגעפיהרט, האב איך געזעהן, ווי צוויי טעכטער דער מאדאמ'ס שפּיעלען ביידע אויף איין פארטאפּיאן...

א ליכטיגען גן עדן.

— גיב מיר א האנד, מיין מאן, — בעט דאס קראנקע ווייב פאר'ן שטאר־בען, — אז דו וועסט נאך מיין טויט חתונה האבען מיט מיין יונגערע שוועסטער!

— בערוהיג זיך, מיין קרוין, איך וועל אנדערש נישט טהון! זאל דיר גאט אזוי העלפען, דו זאלסט באלד אריין אין ליכטיגען גן עדן... ווי איך האב שוין וועגען דעם געטראכט נאך מיט 3 יאהר צוריק!..

געוואלט דערשטיקען.

— געדענקסט, טאטע, ווי דו האסט מיך געשלאגען, ווען איך האב א בים געטהון מאריצ'ן?

— יע, דו האסט איהם דאן שטארק געביסען.

— נו, טאטע, שלאג אן מארגען, אבער גוט, ליזע'ס לעהרער. ער האט איהר היינט אזוי שטארק געביסען אין די ליפען, אז זי האט איהם ארומגענומען מיט ביידע הענד די האלז און האט איהם געוואלט דערשטיקען...

זיך ערקלערט אין ליעבע.

— ...אבער ווען איך וואלט געווען רייך, וואלט איהר מיך געליעבט פריילין?

— געליעבט? ווייס איך ניט, נאר חתונה האבען מיט אייך, וואלט איך געוויס!...

גאנץ איינפאך.

— זענט איהר די מאדאם?

— יע! ווי אזוי, פעטער, האט איהר זיך אנגעשטויסען, אז איך בין דאס די מאדאם?

— גאנץ איינפאך! אזא מאוס'קייט א פרעמדע ווער וואלט עס געהאלטען אין שטוב?!...

א שפאס איז דאס א חזן.

טרײַנע שאשע קומט ערשט פון שוהל, וואו עס האט געדאווענט דער נייער, ערשט-אנגעקומענער חזן. איהרע בעקאנטע רינגלען איהר ארום, און זי דערצעהלט מיט התפעלות:

— א שפאס איז דאס א חזן! א שפאס איז דאס א חזן! זיין געזינגט איז בלוט און מילך... האט ער א שווארצע בארד — ממש מחיה-נפשות, דאס טלית'ל איז קלאר ווי אלבאסטער, האט ער געגעבען צו „שמע ישראל" א פאטש דעם קליינעם זינגער, האט פערקלונגען די שוהל...

— נו, און ווי האט ער געדאווענט? — האקט איהר פלוצלונג איבער א שכנה.

— געדאווענט?! זאל איך אזוי וויסען פון זיין קאפ! א ניט האב איך געהערט א ווארט?!...

זעקס.

(א דראמע אין פיער אקטען).

שען-צירעל זיצט ביי'ם פענסטער
און מאכט א שטיקערײַ. —
זעקס לאקען אויף דעם שטערען,
פון יעדער זייט צו דריי.

א בחור, רויט פאר ליעבע,
קומט פון דער גאס פארביי: —
זעקס הערעלעך די וואנסע —
פון יעדער זייט צו דריי.

דער בחור מאכט מיט צירלען
א גאנצע ליבעריי: —
ער ווארפט איהר צו זעקס קושען —
פון יעדער זייט צו דריי.

דער טאטע זעהט און כעס'ט זיך
און שרייט געוואלד: איי—איי!
און גיט באלד זעקס דעם בחור —
אויף יעדע באק צו דריי.

ד. פ.

אויך מיר אַ דאגה!

— וועה איז מיר! מיר זענען אומגליקליך! לויף שנעלער צום דאָקטאָר, דאָס קינד האָט דערשלונגען אַ נאָדעל! — אַזוי איז דאָס ווײַב האַסטיג אַרײַנגעלאָפֿען מיט אַ געפּילדער צו איהר מאַן, דעם פּראָפֿעסאָר־מאַטעמאַטיק, אין קאַבינעט.

— וואָס ליאַרמסטו אַזוי? — ענטפֿערט דער צוטראָגענער פּראָפֿעסאָר — פֿאַר אַ גראָשען בעקומסטו אין קרעמ׳ל אַנ׳אַנדער נאָדעל!...

איך האָב אַ ברודער אַנ׳אָרעמאַן.

— שוין, איהר זענט שוין ווידער געקומען נאָך נדבות? — שרײַט ר׳ צדוק־מַלְוֶה צום פַּרְנֵס־חֹדֶשׁ — ווייסט איהר דען ניט, אַז איך האָב אַ ברודער אַנ׳אָרעמאַן?

— יע, איך ווייס, ר׳ צדוק, אָבער... אָבער איהר העלפֿט איהם דאָך קיין מאָל נישט!

— אָט דאָס זאָג איך דאָך: איך העלף נישט מײַן ברודער אַנ׳אָרעמאַן, קומט איהר צו מיר, איך זאָל העלפֿען פֿרעמדע אָרעמע־לײַט?!...

אַ חַיֵי שָׁעָה.

— זאָג מיר נאָר, בער׳ל, וואָס האָסטו אויסגעפֿיהרט? אַז דו ביזט געוועזען אַ ייד, האָסטו געהאַט פֿון דײַן פּלוניתֿ׳טע געבּרענטע צרות פֿרײַטאָג, דערפֿאַר וואָס דו גיסט איהר נישט אויף שבת; ערשט אַז דו האָסט זיך אָבגעשמד׳ט, האָסטו פֿון איהר די זעלבע צרות שבת, דאָס הייסט מיט אַ טאָג שפּעטער, דערפֿאַר וואָס דו גיסט איהר נישט אויף זונטאָג!...

— נאָר, אַ חַיֵי שָׁעָה איז אויך גוט!...

די געליעבטע.

— נעכטען האָט זיך דערשאָסען מײַן געליעבטער. מיך וואונדערט נאָר, ווי אַזוי איז בײַ איהם פֿערבליבען געלד צו קויפֿען אַ רעוואָלווער?...

זי וועט שוין פליהען.

— זאָג מיר, מאַמע, קענען טאַקי מַלְאָכִים בֶּאֱמֶת פליהען?

— יאָ, מיין קינד!

— פאַר וואָס זשע פליהט נישט אונזער באָנע, מאַמע?

— זי איז דאָך נישט קיין מַלְאָךְ!

— איך האָב אַליין געהערט, מאַמע, ווי דער פּאַפּאַ זאָגט איהר: „דו ביזט אַ מלאָך".

— אויב אַזוי... וועט זי שוין טאַקי פליהען... מיין קינד!

פון א פליג א העלפאנט.

— מאַמע, איך וועל האַפּען אַ פליעג, און דו וועסט מיר מאַכען פון איהר אַ העלפאַנט!

— ווי וועל איך דאָס מאַכען, מיין קינד, פון אַ פליעג אַ העלפאַנט?!

— דער טאַטע זאָגט דאָך שטענדיג, אַז דו מאַכסט פון אַ פליעג אַ העל־פאַנט!...

דאס שרייַ איך דאך.

— „זאָגט מיר, רַבּוֹתַי, צו וואָס ברויכט מען אין „נחַ" דעם „זין"? — פרעגט ר' בער'ל דער גבאי פון שניידערשער שול ביי'ם עולם.

— וואָס רעדט איהר, ר' בער'ל, אין „נחַ" איז דאָך גאָר נישטאָ קיין זין!?

— הויבט זיך אָן אַ מַעֲשֶׂה, פאַר וואָס זאָל טאַקי נישט זיין אין „נחַ" אַ זין?

— וואָס הייסט? צו וואָס ברויכט מען אין „נחַ" דעם זין?

— גאָט איז מיט אייך! אָט דאָס שריי איך דאָך, צו וואָס מען ברויכט אין „נחַ" דעם זין?

א מציאה.

— ביטע, הער דאָקטאָר, שטעלט אַרײַן מײַן סטרוזש 4 צײַהן, איך װעל בעצאָהלען.

— דאָס װעט אײַך קאָסטען 10 רובל.

— מיט פערגעניגען! דער ריכטער װאָלט מיר פיעל מעהר הייסען בע-צאָהלען...

נישט לאנג האלטען.

— באָרג מיר, שמערל, צעהן קערבלעך, װעסט מיר טהון אַ גרויסע טובה.

— װעסטו אָבער דאָס געלד נישט לאַנג האַלטען? איך דאַרף עס אין גיכען אַליין האָבען.

— יע, שמערל, איך װעל נישט לאַנג האַלטען, איך װעל עס נאָך הײַנט אויסגעבען...

העכסטענס דאנקבאר.

— זעה נאַר, װי העפליך טודרוס האָט מיך בעגריסט, — זאָגט דאָס װײַב דעם מאַן, געהענדיג אויפ'ן שפּאַציר. — איך האָב געמײַנט, אַז ער איז אויף מיר ברוגז דערפאַר, װאָס איך האָב ניט געװאָלט װערען זײַן כלה.

— שוטה דו! — זאָגט דער מאַן: — אַדרבה, ער איז דיר העכסטענס דאַנק-באַר דערפאַר...

ברייט און שמאל.

— די קאַפּאָטע איז צו ברײַט — זאָגט דער רב צום שנײַדער, אָנמעסטענ-דיג דעם נײַעם בגד.

— נײַן, רבי, די קאַפּאָטע איז ריכטיג אין דער מאָס, נאָר דער רבי איז אַביסעל צו שמאָל...

קאנקורענץ.

פֿרײַטאָג נאָכמיטאָג איז לייבוש מלמד געבליבען בײַ זיך אין געוועלבעל, און די פלונית איז אַוועק אַהיים פֿערענדיגען דעם שבת. אין אַ שעה אַרום קומט דאָס ווײַב צוריק אין קרעמעל.

— נו, האָסטו עפּעס געלייזט? — פֿרעגט די מלמד'קע.

— יע, אָט האָסטו 13 גראָשען פֿאַר אַ מאַרקע.

— פֿאַר אַ מאַרקע 13 גראָשען?! שלימזלניק אײנער! זיך אַליין קאָסט דאָך אַ מאַרקע 14 גראָשען.

— איך ווייס, אָבער פֿאַר 14 גראָשען דאַרף דאָך דער קונה דיך ניט האָבען, פֿאַר דעם געלד קריגט ער דאָך אַ מאַרקע אויף דער פּאָסט...

ווי שיקט זיך עס.

— ווי שיקט זיך עס? איך הויב עס גאָרניט אָן צו פֿערשטעהן! נאָך אַמאָל, ווי וועלכער „מאַן דְאָמַר" האַלט ער? אויב ער האַלט ווי דער „מאַן דְאָמַר" וואָס ער זאָגט: „לא נִבְרָא לַיְלָה אֶלָא לְגִירְסָא", ד. ה. די נאַכט איז בעשאַפֿען געוואָרען צו'ם לערנען, איז רעכט דעריבער, וואָס ער האָט צוגענומען די קישען, פֿאַר וואָס זשע אָבער האָט ער אויך מיטגענומען די לייכטער? אֶלָא זואָס דען, ער האַלט ווי דער „מאַן דְאָמַר" וואָס זאָגט: „לא נִבְרָא לַיְלָה אֶלָא לְשֵׁינָה", ד. ה. די נאַכט איז בעשאַפֿען געוואָרען צו'ם שלאָפֿען, איז רעכט דעריבער וואָס ער האָט גענומען די לייכטער; טאָ פֿאַרוואָס זשע האָט ער אויך גענומען די קישען? — אַזוי איז אַרומגעגאַנגען לייביש מְלַמֵד איבערן שטוב און האָט געטַענֶה'ט צו זיך אַליין, נאָכדעם ווי דער רעוויזאָוו האָט בײַ איהם צוגענומען אַלם מַשְׁכֹּן פֿאַר „נאַלאָג" די קישען מיט די לייכטער.

— זאָג נאָר, לייבוש, דער רעוויזאָוו איז געקומען מיט איין קאָזאַק אָדער מיט 2? — פֿרעגט איהם שלמה בַטְלָן.

— מיט צווײ.

— אויב אַזוי, איז שוין רעכט: איין קאָזאַק האַלט ווי דער ערשטער „מאַן דְאָמַר", און דער אַנדערער — ווי דער צווייטער „מאַן דְאָמַר"...

אייגענע.

— איך קאָן זיך זאַט ניט אָנקוקען אויף אײַערע צייהן, פֿרײַליין, זענען זייווירקליך אײַערע אייגענע?

— אַ פֿראַגע, געוויס אייגענע, די מאַמע האָט פֿאַר זיי בעצאָהלט 50 רובל...

אט זענען זיי.

ר' שלמה חריף פֿלעגט זיך נוהג זײַן אַרײַנלעגען די ברילען אין דער גמרא, אַלעמאָל, ווען ער פֿלעגט אַרויסגעהן פֿון בית המדרש אויפֿ'ן הויף.

איינמאָל האָט ער די ברילען פֿעררוקט אויפֿ'ן שטערען און איז אַרויס. אַרײַנקומענדיג צוריק אין בית-מדרש, האָט ער זיך פֿערגעסען, אַז די ברילען זענען איהם אויפֿ'ן שטערען און האָט זיי גענומען זוכען, ווי געוועהנליך, אין דער גמרא.

— הײַנט וואו זענען מײַנע ברילען? — האָט ער גענומען פֿרעגען מיט אַ גמרא-ניגון, ניט געפֿינענדיג אין דער גמרא די ברילען — זאָל איך זאָגען, עס האָט זיי גענומען אַ ייד, וואָס דאַרף ברי‌לען, האָט ער דאָך ברילען! אֶלָא וואָס דען, עס האָט זיי גענומען אַ ייד, וואָס האָט ניט קײַן ברילען, איז דאָך די קשיא: דאַרף ער דאָך ניט קײַן ברילען! נאָר וואָס דען, מוזען מיר זאָגען, אַז עס האָט גענומען אַ ייד, וואָס דאַרפֿען — דאַרף ער יאָ ברילען, און האָבען — האָט ער טאַקי ברילען, אַי צו וואָס האָט ער גענומען מײַנע ברילען? קען זײַן, אַז ער האָט זײַנע ברילען פֿעררוקט אויפֿ'ן שטערען און ער האָט זיך אין דעם פֿערגעסען, דעריבער האָט ער טאַקי גענומען מײַנע ברילען. נאָר אם כן, ווי באַלד איך בין שוין יאָ געקומען צו אַזאַ מסקנא, איז דאָך די קשיא, צו וואָס זאָל איך זאָגען, עס האָט זיי גענומען אַ ייד, וואָס דאַרפֿען — דאַרף ער ברילען, און האָבען — האָט ער ברילען, און פֿאַר וואָס האָט ער גענומען מײַנע ברילען, ווײַל ער האָט זײַנע פֿעררוקט אויפֿ'ן שטערען, איז דאָך גלײַכער צו זאָגען, אַז איך האָב אַליין פֿעררוקט די ברילען אויפֿ'ן שטערען! (גיט זיך אַ חאַפּ צו'ם שטערען) יאָ, אָט זענען זיי!...

פּוּסטע.

— מײַן מוּטער האָט געטראָגען גאָלדענע אויהרינגליך, האָבען זײ געװאויגען אַ פּוּד. — דערצעהלט פײַוועל בּעל גוזמא.

— וואָס הייסט אַ פּוּד? האָבען דאָך די אויהרינגלעך געקאָנט אָבּרײַסען די אויערן? — פרעגען אַלע פערוואונדערט.

— פערשטעהט איהר מיך... — ענטפערט פײַוועל — זײ זענען געוועזען פּוּסטע...

אבּלעקען א ביינדעל.

וואָלף וואָכערניק איז אויף דער עלטער געפעהרליך קראַנק געוואָרען. ער האָט געשיקט נאָך „חֶבְרָה־קַדִישָׁא" און האָט זײ געזאָגט:

— הערט נאָר, רַבּוֹתַי, איך געה ערשט אַוועק אויפ'ן עוֹלָם הָאֱמֶת, דאָס ביסעל געלד, וואָס איך האָב אָבגעשפּאָרט פון ניט דערעסען און ניט דערטרינקען, וועט איצט בלײַבען בײַ מײַנע זיהן. און איהר חֶבְרָה־לײַט, וועט דאָך מִסְתָּמָא רײַסען אַ פּאַס בײַ זײ, איהר וועט קריגען די גראָבּע מַטְבֵּעַ „קְבוּרָה־געלד" און וועט מאַכען אַ סְעוּדָה כְּיַד הַמֶלֶךְ. אֶפְשָׁר וואָלטען מיר מאַכען אַ שטיקעל געשעפט, לאָמיר פערטיג ווערען וועגען דאָס קְבוּרָה געלד, וועל איך אײַך שוין געבען די מַטְבֵּעַ, און איהר וועט טאַקי באַלד מאַכען די סְעוּדָה, וועל איך אויך אָבּלעקען אַ ביינדעל...

א גרעסערע גלעזעל.

— טרינק אַ גלעזעל וויין! — זאָגט דער פָּּריץ צו זײַן „מאָשקע" דעם אַרענדאַר, וועהרענד ער איז געוועזען שטאַרק אויפגעלעגט צו איהם, ווײַל מאָשקע האָט איהם געבראַכט די אַרענדע און דערצו נאָך אַ גְמִילוּת־חֶסֶד'ל...

— נײַן, אֲדוֹנִי פּריץ, איך קען דײַן וויין ניט טרינקען.

— וואָס הייסט, מאָשקע, דו ביזט דען געוואוינט צו בעסערען וויין?

— חַס וְחָלִילָה! ווינקום איך אֲדוֹנִי פָּריץ, צו אַזאַ וויין ווי דו טרינקסט? ניט איך און ניט מײַנע אָבוֹת אֲבוֹתַי האָבען אַזאַ וויין אין די אויגען אַמאָל געזעהן!..

— נישט מעהר.

— גארנישט, אדוני פריץ איך בין דאך עפעס א ייד, און דער יידישער גלויבען, מיין רעליגיע הייסט עס, ערלויבט ניט צו טרינקען פון דיין וויין.

— וואס הייסט, ערלויבט דיר ניט דיין רעליגיע ביי מיר אמאל אויס־טרינקען א גלעזעל וויין. קען דאס זיין, מאשקע!?

— ניין, עס קען אמאל טרעפען, איך זאל מעגען טרינקען דיין וויין, אדוני פריץ!

— ווען, מאשקע?

— אט ווען עס זאל געהן — אין סכנות נפשות, למשל, דו זאלסט מיך וועלען שיעסען, אויב איך וועל ניט טרינקען, דאן, אדוני פריץ, מעג איך טרינקען.

— אזוי גאר, דו טרינקסט, מאשקע, אז ניט שיס איך! האט דער פריץ א געשריי געטהון, ארויסהאפענדיג דעם פיסטאליעט.

— האלט אדוני פריץ! ערשט מעג איך! נאר זייזשע מוחל, אדוני פריץ, און גיס אן א גרעסער גלעזעל!...

פערשמעלט דעם זאל.

— אויך מיר א זאל! זאגט פייוועל בעל־גוזמא, צו די חתונה־לייט, וועל־כע האבען געלויבט דעם נייעם טאנץ קלאס — איך בין אמאל געוועזען ביי'ם פירסט ראדזיוולאוו אויף א האלבצייט אין א זאל, נו איז דאס געוועזען א זאל, טאקי איין מאל א זאל! ער האט געהאלטען גאנצע דריי ווארסט די לענג...

זיין זוהן, וואס איז געזעסען נעבען איהם, האט איהם שטארק א ציה געטהון פאר'ן פאלע... און דער עולם האט לאכענדיג א פרעג געטהון:

— נו, ר' פייוועל, און וויפיעל האט דער זאל געהאלטען אין דער ברייט?

— אין דער ברייט האט דער זאל געהאלטען צוויי איילען.

— ווי איז דאס מעגליך, ר' פייוועל, האט דער עולם אויסגעשאסען מיט א געלעכטער...

— געשעדיגט זאל ווערען שלמקה — האט געענטפערט פייוועל מיט כעס, אנווייזענדיג אויפ'ן זוהן — ער האט מיר פערשמעלט דעם זאל!...

דער טייטש איז אויך געשטארבען.

— דער רֶבִּי זיצט אין חֵדֶר און לערענט מיט די תַּלְמִידִים חוּמָש מיט א נגון און טייטשט אב יעדעס ווארט בעזונדער:

— „וַתָּמָת" — איז געשטארבען. ווער איז געשטארבען? שָׂרָה, דאס הייסט שָׂרָה איז געשטארבען.

— רֶבִּי! — האפט זיך ארויס א תַּלְמִידִ'ל — דער „וַתָּמָת" איז געשטארבען, דער „ווער" איז געשטארבען, דער „וואס הייסט" איז געשטארבען און „שָׂרָה" איז אויך געשטארבען, עפּעס אלע מיט אמאל געשטארבען?

— פוירשער מתַ דו! וַתָּמָת איז דער טייטש געשטארבען!

— אזוי, רֶבִּי! דער טייטש איז אויך געשטארבען?!...

א פּראווינציאלער פִּדְיוֹן.

— גוט וואך, יענטע, גיט מיר פאר א גראשען מילך, אין אייער טעפּעל אהן געלד, און טראגט עם מיר, זייט מוחל, אוועק אהיים!... האט ניט קיין פאראיבעל, יענטע, וואס איך בין אייך מַטְרִיחַ, ווייל איך מוז נאך צולויפען צו ר' בֶּרַכְ'ן הערען הַבְדָּלָה.

זיך גוט בעווארענען.

— רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! טאטע זיסער! ווייז אמאל, וואס דו קענסט און שענק מיר טאקי מיט דיין גרויסען חֶסֶד א צוויי מאל הונדערט טויזענד רובל איך זאג דיר צו, אז ריכטיג די העלפט, דאס הייסט גאנצע הונדערט טויזענד רובל צוטייל, איך באלד פאר ארעמע לייט, אֶפְשָׁר טרויסטו מיך ניט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווארום איך ווייס, אז דו גלויבסט דאך ניט אֲפִילוּ א מַלְאָךְ, ניט נאר א זינדיגען בָּשָׂר וָדָם, קענסטו זיך מיט מיר גוט בעווארענען... גיב מיר אין האנד נאר די הונדערט טויזענד, וואס איך וויל לאזען פאר זיך... און די איבעריגע הונדערט טויזענד רובל צוטייל אליין צווישען די ארעמעלייט!...

אַ שַׁאֲלָה.

רֶבִּי, איך בין אײַך געקומען פֿרעגען אַ שַׁאֲלָה. ווי איז דער דין, ווען איך קאָן אײַנבערענגען אַ ייִדען גאַנצע טויזענד רובל, אויב איך וועל הײַנט עסען אום תִּשְׁעָה בְּאָב, מעג איך עסען?

— אײַנבערענגען אַ ייִדען טויזענד רובל איז בֶּאֱמֶת אַ גרויסע זאַך, עס איז אַ סְבָרָה, אַז דו זאָלסט מעגען דעריבער עסען אום תִּשְׁעָה בְּאָב; זאָג מיר אָבער, מײַן קינד, אויף וועלכען אופֿן קענסטו דאָס מיט דײַן עסען אײַנבערענגען אַ ייִדען טויזענד רובל?

— פֿערשטעהט איהר מיך, רֶבִּי, די מַעֲשֶׂה איז אַזוי: איך בין מיר גע־גאַנגען אין גאַס, האָב איך מיר צוגעהערט, ווי צוויי ייִדען שמועסען וועגען תִּשְׁעָה בְּאָב. איינער זאָגט: „הײַנט פֿאַסט געוויס די גאַנצע שטאָדט" און דער צווייטער האָט געזאָגט: „איך ווינש מיר אַזוי פֿיעל טויזענדער צו פֿערמאָגען, וויפֿיעל ייִדען עס וועלען הײַנט עסען". — דעריבער איז מיר אײַנגעפֿאַלען געהן אַהיים עסען, בִּכְדֵי אײַנצובערענגען יענעם ייִדען נאָך אַ טויזענטער...

הייסט דאך עס, עסען מעג איך.

אַ ייִדישער אַקציזניק איז אַ מאָל געקומען צו פֿאָהרען אין אַ קליין שטעדטל אום תִּשְׁעָה בְּאָב און האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט אין אַכְסַנְיָא עסען. דער בַּעַל אַכְסַנְיָא האָט וועגען דעם געמאָלדען דעם רָב. באַלד איז געקומען דער בֵּית־דִין שַׁמָּש און האָט גערופֿען דעם שענעם אוֹרֵחַ צום רָב.

שטײַטש, ווי אַזוי ערלויבט זיך עס אַ ייִד צו עסען אום תִּשְׁעָה בְּאָב? — האָט דער רָב בייז אַ פֿ ר ע ג געטהון דעם בַּעַל עֲבֵרָה.

— רֶבִּי, בייזערט זיך ניט אַזוי שטאַרק! איהר מוזט וויסען, אַז איהר רעדט מיט אַ ייִדען ניט קיין עַם הָאָרֶץ, איך ווייס אויך, גאָט צודאַנקען, אַ שטיקעל דין. זאָגט אַליין, רֶבִּי, ווי איז דער דין, ווען איך בין אַ חוֹלֶה, מעג איך שוין עסען אום תִּשְׁעָה בְּאָב?!

— אַ חוֹלֶה?... עס ווענדט זיך וואָס פֿאַר אַ חוֹלֶה!...

— נו, ווען איך בין לְמָשָׁל אַ חוֹלֶה מְסוּכָּן, מעג איך עסען, אָדער ניט? זאָגט, רֶבִּי!

— אַ חוֹלֶה מְסוּכָּן איז דאָך עפּעס גאַנץ אַנדערש! אַ חוֹלֶה מְסוּכָּן מעג געוויס עסען, איהר זענט דאָך אָבער ניט קיין חוֹלֶה מְסוּכָּן!...

— אַזוי?!... הייסט דאָך עס, עסען מעג איך... נאָר אייך האָרט מער נישט, וואָס איך בין ניט קיין חוֹלֶה מְסוּכָּן, רַחֲמָנָא לִיצְלַן!... שעמען מעגט איהר זיך, רֶבִּי, און אייער ווייטען האַלז אַריין! אַ רַב זאָל ניט פֿערגי־נען אַ יידען דאָס שטיקעל געזונד?!...

אין פַּשְׁטוּת.

— ערקלער מיר נאָר, פֿײַוויל, דו ביזט דאָך אַ ייד אַ לַמְדָן, צו וואָס האָט אַבְרָהָם אָבִינוּ בעדאַרפֿט דעם גאַנצען טאַראַראַם – שיקען אֱלִיעֶזֶר'ן זוכען פֿאַר יִצְחָק'ן אַ כַּלָּה אין פַּדַן אֲרָם, און מוֹרָא האָבען, טאָמער קריעגט ער ניט אַ כַּלָּה פֿאַר איהם פֿון זיין פֿאַמיליע, ווי איהם האָט זיך געוואָלט, שטייטש דאַמאָלס איז דאָך געווען פֿאַר מַתַּן תּוֹרָה, האָט דאָך יִצְחָק געקענט חֲתוּנָה האָבען מיט זיין שוועסטער?

— האָט דען יִצְחָק געהאַט אַ שוועסטער, אַבְרָהָם אָבִינוּ האָט דאָך גאָר קיין טאָכטער ניט געהאַט?

— דו ווייסט ניט, פֿײַוועל, פֿון דער גְמָרָא, אַז גאָט האָט אַבְרָהָם'ן גע־בענשט מיט אַ טאָכטער, וועלכע האָט געהייסען „בַּכֹּל", האָט דאָך אַבְרָהָם גע־קאָנט יִצְחָק'ן חֲתוּנָה מאַכען מיט דער שוועסטער „בַּכֹּל"?

— וואָס פֿערשטעהסטו ניט, שמעריל, „בַּכֹּל" איז דאָך געווען אַ מעדעל עַל פִּי הַדְּרַשׁ, און יִצְחָק האָט געוואָלט חֲתוּנָה האָבען גאָר אין פַּשְׁטוּת...

ל״ב פֵּירוּשִׁים.

— גיט נאָר אַ גלעזעלע שנאַפּס! זאָגט שלמקה בַּעַל עֲגָלָה צו דער שענקערקע, אַריינקומענדיג אין קרעטשמע.

די שענקערקע גיסט איהם אָן אַ גלעזעל שנאַפּס, און ער טרינקט אויס בִּנְשִׁימָה אַחַת.

— פוי! וואס איז דאס פאר א שנאפס? קיין שטארקערן האט איהר ניט? — פרעגט שלמקע.

— פארוואס זאל עס ניט זיין?

— טא גיט זשע א גלעזעלע שטארקערן!

די שענקערקע דערלאנגט איהם א גלעזעל שטארקערן.

— און נאך שטארקערן האט איהר ניט? — פרעגט שלמקע אויסטרינקענדיג דאס צווייטע גלעזעל.

— עס איז דא נאך שטארקערע.

— טא גיט זשע א גלעזעל פון די נאך שטארקערע!

ער בעקומט א גלעזעל נאך שטארקערע.

— פוי! אט דאס הייסט ביי אייך שטארק? זאגט נאר בעל הבית'טעשי, ווילט איהר מיר געזונד און שטארק זיין, האט איהר ניט אמאל פון די אמת'ע שטארקע?

— עס איז דא אמתע שטארקע.

אויסטרינקענדיג די אמת'ע שטארקע, נעהמט שלמקע בעטראכטען דאס גלעזעל.

— וואס איז דאס, בעל הבית'טע, ביי אייך פאר א גלעזעל? א שענע גלעזעל צ'לעבען, דאס איז דאך גאר א פינגערהוט!... קיין גרעסער גלעזעל האט איהר ניט?

— פארוואס זאל עס ניט זיין? מיינע שונאים זאלען ניט האבען!

— אט אזוי זאגט, בעל הבית'טע, גיט זשע זייט מוחל א שנעפסעל אין א גרעסער גלעזעל!

די בעל הבית'טע דערלאנגט איהם א גרעסער גלעזעל שנאפס. שלמקע טרינקט אויס און בעטראכט ווידער דאס גלעזעל.

— אט דאס הייסט שוין ביי אייך, מישטיינס געזאגט, א גרויס גלעזעל? — זאגט ווידער שלמקע — איך האב דאך שיעור שיעור ניט אראבגעשלונגען דעם שנאפס צוזאמען מיט'ן גלעזעל!... און באמת א גרעסער גלעזעל האט איהר נישט?

— עס איז דא באמת א גרעסער גלעזעל אויך.

— טאָ גיט, זייט מוחל, אַ שנעפּסעל פון דעם בּאמת גרויסען גלעזעל; איך, פערשטעהט איהר מיך, האָב ליעב אַ שנאַפּס מיט די גאַנצע ל״ב פּירושים, דאָס הייסט אַ גרויס גלעזעל און שטאַרקס.

די בּעל הבּית'טע דערלאַנגט שלמקען אַ שנאַפּס, ווי זיין האַרץ גלוסט, טאַקי מיט די ל״ב פּירושים. שלמקע טרינקט אויס און זאָגט:

— אָט פון דעם שנאַפּס מיט דעם גלעזעל ערשט, בּעל הבּית'טעשי, גיט אַ גלעזעלע שנאַפּס!...

זומער קיהלט עס און ווינטער וואַרעמט עס.

— היינט — זאָגט חיים בּערל בּעל עגלה, זיצענדיג אויפן קעלניע, צו זיינע פּאַרשוינען אין אַ הייסען זומער טאָג — היינט וועלען מיר פאָהרען שנעל, איך מוז נאָך קומען אין שטאָדט צו מנחה, ווייל איך האָב היינט יאָהרצייט נאָך מיין טאַטען דעם קדוש.

— איז דען אייער טאַטי געווען אַ קדוש? — פרעגען די פּאַרשוינען פערוואונדערט.

—, לעולם איז ער געווען אַ בּעל עגלה ווי איך, נאָר ביי'ם שטאַרבּען איז ער געוואָרען אַ קדוש, ווייל ער איז דערפראָהרען געוואָרען.

— ווי ווערט עס אַ מענש דערפרוירען אין מיטען זומער, ערב שבּת נחמו פרעגען ווידער די פּאַרשוינען.

— הערט אויס, וועל איך אייך דערצעהלען. — חיים בּערל האָט שטאַרק אַ ציה געטהון פאַר די לייצעס, האָט מכבּד געווען דעם פערדעל מיט די עשר מכּות און האָט אָנגעהויבּען: אָט אַזוי ווי איהר זעהט מיך, זיץ איך שוין אויפ'ן קעלניע פיערציג יאָהר. שוין ווען איך בּין אַלט געווען 10 יאָהר, האָט מיך דער טאַטע זכר צדיק לברכה אַוועקגעזעצט אויפ'ן קעלניע. געווען איז דאָס נאָך סוכּות אין די קאַלטע רעגענדיגע אָסיען טעג. דער טאַטע עליו השלום האָט איינגעשפּאַנט דעם פערדעל און געזאָגט צו מיר: חיים בּערל, גענוג צו געהן אין חדר, קיין רב וועסטו שוין סיי ווי ניט זיין, זעץ זיך אויפ'ן קעל-

ניע, פֿאָהר מיט מיט מיר, וועסטו מיר אַביסעל צוהעלפֿען", און איך האָב טאַקי אַזוי געטהון.

מיר פֿאָהרען אָב 5 וויאָרסט פֿון שטאָדט איז דאָ אַ קרעטשמע. דער טאַטע שטעלט אָב דאָס פֿערד'ל און חאַפּט זיך אַרײַן אין קרעטשמע. מיר פֿאָהרען נאָך עטליכע וויאָרסט, איז דאָ ווידער אַ קרעטשמע, דער טאַטע געהט ווידער אַרײַן. נאָך עטליכע וויאָרסט ווײַטער אַ קרעטשמע — און דער טאַטע געהט ווידער אַרײַן. פֿרעג איך דעם טאַטען: צו וואָס שטעלסטו זיך אָב בײַ יעדער קרעטשמע"? זאָגט ער מיר: „מײַן קינד, הײַנט איז דאָך קאַלט, געה איך אַרײַן אין קרעטשמע און מאַך אַ שנאַפּס, וואַרעם איך מיך אַביסעל אָן". — אַזוי האָט ער טאַקי געטהון אַ גאַנצען ווינטער.

עס איז געקומען דער זומער מיט זײַנע גרויסע היצען, איך זעה דער טאַטע שטעלט זיך ווידער אָב נעבען יעדער קרעטשמע. „שטײַטס? — פֿרעג איך דעם טאַטען — פֿאַרוואָס מאַכסטו הײַנט שנאַפּסען, שנאַפּס וואַרעמט דאָך?— זאָגט ער מיר, דאָס הייסט דער טאַטע עליו השלום, יאָ, מײַן קינד, ווינטער וואַרעמט עס, אָבער זומער קיהלט עס"...

אַ לאַנגע צײַט האָב איך עס ניט געקאָנט פֿערשטעהן, ווי אַזוי קען שנאַפּס קיהלען, ביז איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז עס איז ריכטיג:

איינמאָל זענען מיר געפֿאָהרען, ערב שבת נחמו איז דאָס געווען, אַזוי ווי הײַנט, די זון איז אַרויס פֿון איהר פֿוטערפֿאַס, און די היץ איז געווען שרעקליך. עס האָט געסמאַלעט, געשפּרעט, נאָר טו זיך אַ מעשה אָן. מיר זע-נען געקומען ווי נישט איז צו אַ קרעטשמע. דער טאַטע עליו השלום האָט זיך אַרײַנגעחאַפּט אַהין אָבקיהלען זיך. איך זעה דער טאַטע לעדיגט אויס איין פֿלעשעל, די צווייטע, די דריטע; געוויס האָט ער זיך געוואָלט גוט אָבקיהלען... שטעלט אײַך אָבער פֿאָר דעם סוף! ער האָט זיך אַזוי לאַנג געקיהלט און געקיהלט, ביז ער איז אין גאַנצען קאַלט געוואָרען און איז געוואָרען אַ קדוש... ערשט פֿערשטעהט איהר מיך שוין ווי אַזוי מען ווערט דערפֿראָה-רען אין תמוז? — ווי! איך מוז נאָך קומען צו מנחה און שטאָדט.

וואס טהוט נישט א פּאעט צוליעב א גראם.

דער בַּדְחָן שטעהט צווישען פארעדעל ווייבער אויסגעפּוצטע מְחוּתֶּנִית'טעס און בעזעצט דער כַּלָּה, אַ יְתוֹמָה אָהן אַ פָאטער. די כַּלָּה'ס מוטער שטעהט צווישען די מְחוּתֶּנֶת'טעס. דער בַּדְחָן הויבט אָן מיט אַ ניגון:

— אַזוי ווי עס איז ביטער אַ טיהר אָהן אַ קליאַמקע, אַזוי איז דאָך ביטער, אַז די כַּלָּה האָט ניט קיין מאַמקע!...

— וואָס רעדט איהר, בַּדְחָן? — שרייען אַלע ווייבער מיט אַ קול — די כַּלָּה האָט דאָך אַ מאַמען ביז הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר, אָט איז דאָך די מאַמע, אָט שטעהט זי, קיינטאַטען האָט זי ניט!

— „דאָס מיין איך טאַקי דעם טאַטען"!... — פערהאַפּט באַלד דער בַּדְחָן מיט'ן זעלבען ניגון.

אַ מֵבִין אויף אַ חַזָן.

— מֵילָא, איהר שרייט, אַז איך קען נישט דאַוונען — זאָגט דער שטאָדט-חַזָן צו די גַבָּאִים — מוז איך אייך גלויבען, אָבער דאָס מוזט איהר דאָך מיר צוגעבען, אַז אַ שטיקעל מֵבִין אויף אַ חַזָן בין איך דאָך נאָך, גאָט צו דאַנקען!

— געווים קאָנט איהר זיין אַ מֵבִין אויף אַ חַזָן!

— בין איך יאָ אַ מֵבִין אויף אַ חַזָן, זאָג איך אייך, אַז איך דאַווען אויסגעצייכענט...

די מוהמעס.

— ניין, ווייבערלעך, איך שריי די גאַנצע צייט, אַז דער דאָקטאָר איז קיין דאָקטאָר ניט, מען מוז רופען דעם דאָקטאָר „פערדענוואָגען", וועט ער דאָס קינד באַלד געזונד מאַכען! — אַזוי זאָגט איינע אַ מוהמע צו דער מוטער און צו די איבעריגע מוהמעס פון קראַנקען קינד.

— און איך זאָג אייך — רופט זיך אָן אַ צווייטע מוהמע, וועלכע האָט זיך מתקנא געווען אין דער ערשטער — מיין עֵצָה איז, מען זאָל באַלד שיקען אַ

קוויטעל צום רבי'ן, ווען דאס קינד געזונד ווערען, דער רבי זאל לעבען איז דער בעסטער דאקטאר!

— און מיין עצה איז — זאגט וויעדער א דריטע מוהמע — מען זאל פאהרען צו'ם טאטער, ער נעהמט צו די קראנק ווי מיט'ן האנד!

— מען דארף ניט קיין טאטער, — זאגט די פירטע מוהמע... לאמיר בעסער לויפען צו'ם ארון קדש; גאט איז, דער בעסטער טאטער!...

די ניצליכסטע מענשען אויף דער וועלט.

— זאג מיר, פייוועל, ווער זענען, נאך דיין מיינונג, די ניצליכסטע מענשען אויף דער וועלט?

— נאך מיין מיינונג, זענען די ניצליכסטע מענשען די גנבים!

— וואס רעדסטו, פייוועל?!

— וואס דו הערסט! פערשטעהסטו מיך, ווען עס וואלטען ניט געווען קיין גנבים, וואלט דאך ניט געווען קיין פאליציע, און אז עס וואלט ניט געווען קיין פאליציע, וואלט דאך די גאנצע וועלט געווארען גנבים!...

310 וועלטען.

— דו ביזט דאך א ייד א בן תורה, פייוועל, ערקלער מיר, איך בעט דיר, צו וואס דארף דער רבונו של עולם געבען אויף יענער וועלט יעדען צדיק גאנצע 310 וועלטען? שטעל זיך פאר, מען זאל האבען א גאנצע גאס אנ'איינגענע, איז שלעכט? ווער רעדט שוין א גאנצע שטאדט, צו'ם ביישפיעל, א ווארשע, איז וועניג? אבער א וועלט, א גאנצע וועלט, דאס איז דאך שוין געווים אזא פערמעגען, וואס דארף צופריעדען שטעלען אפילו דעם גרעסטען צדיק... צו וואס זאל מען נאך איהם געבען 310 וועלטען?

— כ'לעבען, טודרוס, דו פערשטעהסט נישט קיין עסק! שטעל זיך פאר, ווען יעדער צדיק וואלט מעהר נישט געהאט ווי איין וועלט, וואו וואלט דען דער צדיק אויסגעגאסען די פאמוניצע, אויב נישט אין זיין חבר'ס וועלט?!... דעריבער מוז מען טאקי דעם צדיק געבען 310 וועלטען, ווען ער זאל אפילו פלאצען, זאל ער אליין מוזען אויסגיעסען די פאמוניצע אין זיין וועלט...

פאַרזיכטיגקייט.

— פאַרוואָס האָט איהר געלאָזט אויפהענגען ביי אייך אין קאַנטאָר אַזוי פיעל בילדער פון שיפען, וועלכע זענען אונטערגעגאַנגען אויפ'ן ים? — פרעגט דער גאַסט דעם באַנקיר.

— פערשטעהט איהר מיך, כדי מיינע בעאַמטע זאָלען מורא האָבען צו פאָהרען איבערן ים...

עלטער און יינגער.

— זאָג נאָר פייוועל, פאַרוואָס האָט אונזער קאַסיר אַזוי גוט געלעבט מיט דער קאַסע?...

— וויל אונזער פרינציפאַל האָט ניט שלעכט געלעבט מיט דער קאַסירשע...

— פאַרוואָס אָבער האָט זיך עס געענדיגט מיט אַ סקאַנדאַל?

— גאַנץ איינפאַך, וויל די קאַסירשע איז געוואָרען עלטער און די קאַסע יינגער...

קאַלט און וואַרעם.

דער בעוואוסטער סלאָנימער רב, ר' אייזעל, איז אַמאָל געקומען אין שוהל אין אַ קאַלטען זומער-טאָג אָנגעטהון אין אַ פוטער. איינער האָט איהם געפרעגט:

— רבי, איהר ווייסט דאָך וואָס די גמרא זאָגט, אַז דעם אייזעל איז קאַלט אַפילו אין די תמוז-טעג!...

— יע, — האָט דער רב געענטפערט — דאָס איז זעהר ריכטיג, וואָרום דער מענש, אַז ער זעהט, אַז אין תמוז איז קאַלט, טהוט ער טאַקי אָן אַ פוטער און איהם איז שוין וואַרעם; דער אייזעל אָבער שעמט זיך אָנצוטהון דעם פוטער, פריהרט ער טאַקי אין מיטען תמוז...

איז מיין גליק.

דער חעלעמער חזן האט חתונה געמאכט א טאכטער, און זיין קהלה האט איהם אויסגעבארגט א פאר הונדערט רובל צו אברעכענען איהם עטליכע יאהר פון זיינע שכירות.

— איהר מוזט אבער וויסען — זאגט דער חעלעמער חזן צו די גבאים — אז דאס געלד נעהם איך ביי אייך מיט דעם תנאי: וועל איך אויסלעבען די עטליכע יאהר, וואס איהר דארפט מיר אברעכענען פון די שכירות, איז אייער גליק, און אויב נישט — איז מיין גליק...

מיט אנ׳אלף און מיט א צדיק.

— זאגט נאר, רבותי, — זאגט דער רבי צו די חסידים, ווען ער איז געווען א ביסעל מבוסם׳דיג ביי א מלוה מלכה, — וואס איז דאס אזוינס, וואס הויבט זיך אן מיט אנ׳„אלף” און אלע יידען האבען דאס?

דער עולם קלערט און קלערט און ווייס נישט.

— בהמות, וואס קלערט איהר אזוי לאנג? דאס איז א פאר שטיוועל!...

— דער רבי האט רעכט — זאגען די חסידים.

— נו, און וואס הויבט זיך אן מיט א „צדיק” און נישט אלע יידען האבען דאס?

דער עולם ווייסט ווידער נישט.

— בהמות! צוויי פאר שטיוועל!...

א באד.

— מאמע, איז דען אין טעאטער פארהאן א באד? — פרעגט א יינגעל דער מוטער, זיצענדיג אין טעאטער.

— ווי פאלט עס דיר איין מיין קינד?

— אט, זעה, מאמע, דארטען זיצט א פרוי נאקעט אין א וואנע — זאגט דאס קינד, אנווייזענדיג אויף א לאזשע.

די בעסטע אַקציעס און וואָרעמסטע יאַקען.

— זאָג נאָר, פּיווועל וועלכע אַקציעס זענען היינט די בעסטע?

— די רע-אַקציעס...

— וועלכע יאַקען זענען די וואָרעמסטע?

— די קאָנ-יאַקען...

נוטריקון.

— און ווי הייסט איהר? — פרעגט דער בדחן ביי איינעם פון די מחותנים.

— איך הייס יעקב.

— יעקב — זאָגט דער בדחן מיט א ניגון — מאַכט ישׂמך אלקים כאפרים וכמנשה!

— נו, און ווי הייסט איהר? — פרעגט דער מחותן דעם בדחן.

— איך הייס משה צדוק.

— משה צדוק — זאָגט דער מחותן — מאַכט מיין שווער חאָרץ צו דיין קאָפּ...

א רעטעניש.

— וואָס איז דאָס אַזוינס, א לאַנגס א גרינס, הענגט אין שלאָף-צימער און פּישטשעט?

— נו, זאָגט אליין, וואָס דאָס איז? פרעגט איהם דער עולם, נאָכדעם ווי זיי האָבען געקלערט און געקלערט און ניט געקאָנט טרעפען.

— דאָס איז א הערינג.

— איז דען א הערינג גרין? — פרעגט דער עולם פערוואונדערט.

— יע, מיין ווייב האָט איהם אָבגעפאַרבט אויף גרין.

— הענגט דען א הערינג אין שלאָף-צימער?

— יע, מיין ווייב האָט איהם אויפגעהאַנגען אין שלאָף-צימער.

— קען דען א הערינג פּישטשען?

— ער קען טאַקי ניט, נאָר דאָס האָב איך אַזוי צוגעלעגט, כדי איהר זאָלט ניט קענען אַזוי לייכט טרעפען דעם רעטעניש...

אָבְמַאכֶען.

אַ גאַנצען טאָג האָט דער אָקס עולה לְרֶגֶל געווען איבער דעם לאַנגען טראַקט ניט געגעסען, ניט געטרונקען, ביז מען האָט איהם געבראַכט אין שטאָדט אַריין.

— דאָ — טראַכט דער אָקס — וועל איך אַביסעל אָברוהען וואו ניט איז אין אַ שטאַל!

זיין האָפנונג איז אָבער פאַלש געווען. ניט אין אַ שטאַל האָט מען איהם געבראַכט, נאָר אין שלאַכט-הויז...

דער אָקס האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, ווי מען האָט איהם פלוצלונג אומגעוואָרפען. באַלד איז צוגעשפרונגען אַ צוויי-פיסיגער מיט אַ לאַנגען באָרד מיט אַ בלאַנקעדיגען חַלָף און האָט איהם אַ פאָר מאָל אַ פידעל געטהון איבערן האַלז...

דער אָקס גוס'עט... ער וואַרפט זיך און צאַפּעלט זיך פאַר גרויס יְסוּרִים.

— וואָס האָט ער געהאַט צו מיר דער רוצח? — טראַכט דער אָקס — פאַרוואָס קומט עס מיר?...

— חאַפ, יענקע'ל, שנעלער און מאַך איהם אָב!... דערהערט דער אָקס אַ געשרעה פון דער זייט און בערוהיגט זיך:

— געלויבט איז גאָט! עס האַלט ביי אָבמאַכען, מִסְתָּמָא וועלען דאָך די מענשען אַנערקענען די עַוְלָה, וואָס דער רוצח האָט מיר געטהון, און מען וועט מיר אַביסעל לייכטער מאַכען מיינע יְסוּרִים...

דערווייל איז יענקע'ל צוגעלאָפען, האָט זיך אַוועקגעטהון אויפ'ן אָקס און האָט גענומען שינדען פון איהם די פעל...

— אַזוי גאָר?! — טראַכט דער אָקס — אָט דאָס הייסט ביי מענשען אָבמאַכען?... אָבשניידען פונ'ם געקוילעטען די פעל?...

אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע.

אין אַן-אַמעריקאַנער צייטונג איז ניט לאַנג געווען אָבגעדרוקט אַזאַ רעקלאַמע: וועלענדיג צופריעדענשטעלען אונזערע געעהרטע אַבאָנענטען, האָבען

מיר אָנגעדונגען אַ דאַנטיסט, וועלכער שטעהט פריי צו אונזער דיענסט. יעדער אַבאָנענט, וואָס וועט צושיקען צוזאַמען מיט דער אַבאָנעמענטס-קוויטונג זיינע קראַנקע צייהן, וועט ער זיי אַרויסנעהמען אָהן די מינדערסטע שמערצען...

אין דער ליטעראַרישער וועלט.

נאָכדעם ווי אין די צייטונגען איז געווען געמעלדען, אז דעם גראַף וויטע פעהלט אוים מיטעל צום לעבען, האָבען איינינע יודישע שרייבער אין וואַרשע ערהאַלטען פאָלגענדע טעלעגראַמע:

וואַרשע, צו די יודישע שרייבער.

זייענדיג אויף די עלטערע יאָהרען אַ רוהיגע און אַ זיכערע קוועלע צו'ם לעבען, האָב איך זיך בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אין וואַרשע אַ יודישע צייטונג. ביטע פאַרבערייטען ווי אַמשנעלסטען מאַטעריאַל. אויף אַוואַנסלעך וועט נאָך זיין. דאָס איבריגע וועגען קרעדיט אויף פאַפּיער און דרוק וועט מען זיך שוין אַ סטאַרע טהון אויפ'ן אָרט. אַגענטען, וועלכע קויפען פער קאָסע און שיקען ניט קיין חורה, ווערען שטאַרק געזוכט. איך פאָר מיט אַנ'עקסטראַ צוג נאָך וואַרשע.

גראַף וויטע.

לאָדזער וואָיאַזשאָרען.

— איך זאָג אייך, אַלעקסיי איוואַנאָוויטש, זאָגט איין וואָיאַזשאָר — אַז האַנדלען זאָלט איהר נאָר מיט אונזער פירמע, וועלכע איז די גרעסטע אין לאָדז, שטעלט אייך פאָר וואָס פאַר אַ גרויסען אומזאַץ מיר מאַכען, ווען די ביכער אין קאַנטאָר זענען אַזוי גרויס, אַז דער בוכהאַלטער מוז פאָהרען פונ'ם „דעביט" ביז'ן „קרעדיט" אויף אַ וועליסאָפּעד...

— הײַנט ווי גרויס איז שוין אונזער געשעפט — זאָגט דער צווייטער וואָיאַזשאָר — שטעלט אייך פאָר, אונזער פרינציפּאַל האָט אַ מאָל פערבאָטען די בוכהאַלטאָרען צו שטעלען אַ פונקט אויף די קאָנווערטען ביים ענדע פון אַדרעס, האָט דאָס איבערן מאָנאַט איינגעבראַכט אין קאַנטאָר 300,000 רובל...

— שטעלט אייך פאר, אלעקסיי איוואנאוויטש, ווי גרויס איז שוין אונזער פירמע, אז ווען צו אונז קומט אריין א סוחר אין דער ערשטער אבטיילונג און קלויבט אב סחורה און גיט א וועקסעל, איז ביז וואנען ער געהט דורך אלע איבעריגע אבטיילונגען, קומט שוין אן זיין וועקסעל צוריק מיט א פראטעסט...

א טעלעגראף אהן דראטען.

— ערקלער מיר, פייוועל, ווי אזוי ווערט עפעס היינט געמאכט א טעלעגראף אהן דראטען?

— גאנץ איינפאך, מען נעהמט א קלוגע פרוי און מען ראמט איהר אריין אין אויער א סוד און מען זאגט איהר אן, אז למעה"ש קיינער זאל דערפון ניט וויסען. דויערט נישט קיין האלבע שעה אפילו, ווי דער סוד ווערט בעוואוסט פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען...

א גוטען טאג.

דיינע פאר רובל, שמערל, בעקומסטו מארגען. מארגען האב איך א גוטען טאג.

— וואס פאר א גוטען טאג וועסטו דאס פלוצלונג האבען מארגען? דו ערווארטעסט מארגען עפעס א פארדינסטעל?...

— חלילה?

— וואס דען איז מיט דיר די שמחה, פייוועל?

— פערשטעהסטו מיך, שמערל, מארגען מוז איך האבען א גוטען טאג, וויל היינט האב איך קדחות...

וועקען צו סליחות.

צו וואס בעטסטו מיך אַ"ע טאג, איך זאל דיך וועקען צו סליחות, ווען דו שטעהסט קיינמאל ניט אויף? — פרעגט דער שווער ביי'ם איידים.

— פערשטעהט איהר מיך, שווער, עבען, ווען איהר וואָלט מיך ניט וועקען צו סליחות, וואָלט איך דאָך ניט געקענט נהנה זיין פון דעם תענוג וואס אַ מענש פיהלט, ווען ער חאפט זיך אריין אַ נאַקעטער צוריק אין בעט אונטער דער אויסגעווארעמטער קאָלדערע...

אַ דרשה פאר תקיעות.

אַ דרשה אין שוהל פון דעם גבאי, אַן אַלטער ניקאָלאיעווער סאָלדאט פאר די תקיעות:

— הערט נאר צו, גאָספאָדאַ! היינט האָבען מיר אַ סודנעם דיען מן השמים, היינט ווערען פערעסמאטרעוועט אַלעמעס גרעכעס. אי פּאָטאָמו, בראַטיאַ, מוזען מיר זיך קאיען אין אונזערע גרעכעס, טאַק קאַק אַז מע קאיעט זיך פראָשטשאיעט באָח, אַבער אַז מען קאיעט זיך ניט, געהט מען ק'טשאָרטו!...

אַ פּאָטאָמו, גאָספאָדאַ, איידער מיר געהען דויען אין ראָג, לאָמיר זיך קאיען טשיסטיִם סערדצעם, וועט אונז דער באָח מן השמים פראָשטשאיען און געבען אַ בלאַגאָסלאָווענעם גאָד! איהר קאָנט שוין דויען, טרובאַטש, מיין רעטש... אין געקאָנטשעט...

האָבען מיר דאָס אַ חזן.

— האָבען מיר דאָס אַ חזן! — זאָגט איציע דער שוסטער — האָט ער היינט אַ געשריי געטהון „הבוחן ובודק", האָבען זיך אויש די היינגעלעטער אַ טרייסעל געטהון אין שוהל...

— און אונזער חזן — זאָגט בערל שניידער — האָט אַ געשריי געטהון: „בקולות וברקים", האָט זיך אויש דער מעש-דרעקס, ער (וואס מאַכט לייטער) אַ טרייסעל געטהון...

צו כַּפָּרוֹת.

— קום, שרה, שלאָגען כַּפָּרוֹת — זאָגט דער פאָטער,

— ניין, טאַטע, איך האָב שוין אָבגעשלאָגען כַּפָּרוֹת מיט דער מאַמען...

בײַ'ם צימעס.

— איך זעה דאָך דיך גאר ניט אַרויס, פויגעל, דורך דעם פאַר, וואָס שלאָגט פון צימעס — זאָגט דער מאַן צו'ם ווײַב ערב יום כפור צו מיטאָג.

— נו — זאָגט דאָס ווײַב — זאָלען מיר דערלעבען איבער אַ יאָהר און זיך ווײַטער ניט זעהן!...

אין דער ווײַבערשער שוהל.

— ערקלער מיר, פײַוועל, ווי אַזוי ברעכט עס שטענדיג אויס צו „כָּל נִדְרֵי" אַ טומעל אין דער ווײַבערשער שוהל, אַז עס ברענט, און צעהנדליגער ווײַבער ווערען אין דער סומאַטאָכע צוטראָטען און דערשטיקט?

— אָט ווי אַזוי! די זאָגערין לייענט פאַר אין דער תְּחִינָה די ווערטער: „ד ע ר מ ל א ָ ך פ ו ן פ ײַ ע ר", און אַ יידענע, וואָס זיצט אַביסעל פון ווײַטען, פערגרײַזט עס און זאָגט: „ב ײַ 'ם נ ל ח אַ פ ײַ ע ר", און נאָך אַ יידענע פער־גרײַזט עס ווידער און זאָגט: „ב ײַ 'ם ג ל ח א י ן ש ײַ ע ר", און אַלע ווײַבער הויבען אָן שרײַען אין איין קול: „אַ פ ײַ ע ר! ב ײַ 'ם ג ל ח א י ן ש ײַ ע ר!... פ א ָ ז ש אַ ר"!...

דעם רַב'ס דְרָשׁוֹת.

— ערקלער מיר, פײַוועל, פאַרוואָס זאָגט אונזער רב אַ דְרָשָׁה יעדען שבת תְּשׁוּבָה?

— וואָס פערשטעהסטו ניט, שמערל, דאָס איז דאָך פאַר ערב יום כִּפּוּר, וויל דער רב ווײַזען, אַז ער טויג אויף כַּפָּרוֹת...

— נו, און פאַרוואָס זאָגט ער אַ דְרָשָׁה שבת הַגָדול?

— שבת הגדול איז פאַר ערב פֶּסַח ווייל ער בעווייזען, אז ער איז אַ גוי און טויג צו מְכִירַת חָמֵץ...

אַ קורצער „רִבּונו שֶׁל עולָם".

די כֹּהֲנִים האָבען שנעל אויסגעשריהען „וִיחָנֶךָּ" און האָבען ניט געזוארט, ביז דער עולם וועט ענדיגען דעם „רבונו של עולם". נאָכ'ן דאַווגען האָבען אַ סך בַּעֲלֵי-בַּתִּים מְתַרֵעם געווען און אויסגערעדט די כהנים, פאַרוואָס זיי האָב'ן זיך אַזוי געאײַלט און ניט געלאָזט ענדיגען די תְּפִלָּה.

— און מיר הויבט עם גאָרנישט אָן צו אַרען — זאָגט נאָך אַ בעל-הבית — ווען איך זעה די כהנים אײַלען זיך, זאָג איך אָב דעם קורצען „רבונו של עולם".

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קורצער „רבונו של עולם" — פרעגען אַלע.

— רבונו של עולם — זאָג איך — אַלע בייזע און פינסטערע חלומות, וואָס האָבען זיך געחלומט מיר און מײַן ווײַב און מײַנע קינדערלעך די נאַכט און יענע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר, זאָל אויסגעהן צו די כהנים'ס קעפּ!...

אַ תְּפִלָּה פון אַ גַנָב.

— וואָס ווייִנסטו אַזוי שטאַרק, יודקע, מײַנסטו דען בֶּאֱמֶת, אז גאָט וועט צוהערען דײַן תְּפִלָּה און וועט דיר מַצְלִיחַ זײַן אין דײַנע גְנֵבוֹת? — פרעגט אײַנער דעם בעוואוסטען שטאָדט-גנב, ווען ער האָט זיך פערגאַנדערגעווייִנט צו כָּל נִדְרֵי אין שוהל בײַ די „יַעֲלוֹת".

— פערשטעהסט איהר מיך, מײַן פרײַנד, געוויס חַתְמֶ'ט דאָך דער רבונו של עולם הײַנט אָן אַ סך יִדען צו הֶזֵיקות דורך גְנֵבוֹת, בעט איך, אז גאָט זאָל מיר העלפען, דאָס די אַלע בעשערטע גנבות זאָלען געשעהן דורך מיר...

זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ.

– עֶרקלֶער מיר, פַייוועֶל, פַארוואָס זאָגט מען סוכּות זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ?

– אַליין פֶערשטעהסטו ניט, בעֶריל, אַ וואונדעֶר! אַז מעֶן זיצט אַ גאַנצעֶ וואָך אין סוכּה אָהן די ווייבּעֶר איז דאָס אַ קליינעֶר זמן שמחתנו?!...

בְּסוּכַּת עוֹרוֹ שֶׁל לִוְיָתָן.

— איך זאָג דיר, פַייוועֶל, די סוכּה פֶערשטעֶרט מיר דעֶם יום טוב.

— וואָס איז, בעֶרל, וואָס רעֶדסטו? דאַכט זיך אַ סוכּות האָבעֶן מיר אַ גאַנץ יאָהר אויף מיר. ווארעֶם ווי אין תמוז, עֶס איז אַ תַּענוג צו זיצעֶן אין סוּכָּה.

— ניין, פַייוועֶל, ניט דאָס וועֶטעֶר בּעֶאונרוהיגט מיך, נאָר די סוכּה אַליין.

— איך פֶערשטעֶה דיך ניט, בעֶרל, וואָס האָסטו צו דעֶר סוכּה?

— פֶערשטעֶהסטו מיך, פַייוועֶל, איך האָב גענומעֶן זאָגעֶן די אושפּיזין האָב איך זיך אַרומגעֶזעֶן, אַז אויף יעֶנעֶר וועֶלט וועֶלעֶן מיר זיצין אין אַ סוכּה פון דעֶר הויט פון לִוְיָתָן, אויף אַזאַ אופֶן, הייסט עֶס, וועֶט מעֶן שוין דעֶם לויתן מוזעֶן קאָכעֶן געֶהאַקטעֶ קניידלעֶך, און איך האָב פון אייביג אָן פַיינט געֶ-האַקטעֶ פיש... אָט אַזוי וועֶל איך צוליעֶב דעֶר סוכּה ניט קעֶנעֶן הֶנָאָה זיין פון לִוְיָתָן...

טאַנצעֶן מיט דעֶר תּוֹרָה.

— וואָס טאַנצסטו אַזוי מיט דעֶר תורָה, עַם הָאָרֶץ איינעֶר, דו האָסט אַ סַך געֶלעֶרעֶנט די תורָה? דו פֶערשטעֶהסט דעֶן די תורָה? וואָס איז מיט דיר אַזוי פלוצים די שִׂמְחָה?... פרעֶגט איינעֶר זיינעֶם אַ גוטעֶן ברודעֶר צו הַקָּפוֹת.

— וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו, וואָס פַאר אַ טייעֶרעֶ תורה דאָס איז! טאַקי באמת אַ נ'אַנטיק שבּאַנטיק! דו קעֶנסט דאָך גרונצעֶ די אַלְמָנָה, איז זי

זיך פלוצים מישב און געפינט א קוויטעל צווישען איהר מאנ׳ס כתבים, אז איך בין שולדיג איהר מאן, עליו השלום, 400 רובל, און רופט מיך טאקי באלד צום רב. טענה איך דאך מסתמא, ווי דער אמת איז, אז איך האב שוין דאס געלד לאנג בעצאהלט... שרייט זי, די אלמנה הייסט עס, איך האב ניט בעצאהלט. איך שריי: „יא בעצאהלט" און זי שרייט: „ניט בעצאהלט". איז געווארען א פארקערייניש: „יא בעצאהלט, ניט בעצאהלט" זאל זיך גאט מרחם זיין. וואס טהוט דער רב? גיט ער מיר א תורה און הייסט מיר זי אביסעל צוהאלטען און זאגען אז איך האב יא בעצאהלט. איך האב אזוי געטהון. „ערשט — זאגט דער רב — דארפסטו די 400 רובל נישט בעצאהלען"!... וואס זאגסטו, בערל, מעג איך שוין טאנצען מיט דער תורה, הא?...

וואסער גאר זאל נח טרינקען?!

— זאג מיר, פייוויל, פארוואס האט נח אזוי ליעב געהאט דעם ווין, פארוואס האט ער ניט געטרונקען קיין וואסער?

— וואסער גאר זאל נח טרינקען! ווי פאלט עס דיר איין? אונזער גבאי האט פיינד געקראגען וואסער נאר צוליעב דעם, וואס ער האט געליטען פונ׳ם וואסער אין די יונגע יאהרען, ווען ער איז געווען א משרת אין קרעטשמע און דאס וואסער פלעגט זיך איהם שטענדיג אריינכאפען אין די צעריסענע שטיוועל... און דעריבער טאקי פערזוכט ער ניט א טראפען וואסער און האלט נאר אין איין טרינקען שנאפס... פערלאנגסטו, אז נח, וועלכער האט נעבאך איבערגעלעבט א גאנצען מבול, זאל קאנען פערטראגען וואסער?...

שכור ווי לוט.

ערקלער מיר, פייוועל, פארוואס זאגט מען עפעס אלין „שכור ווי לוט" דער ערשטער שכור אויף דער וועלט איז דאך געווען נח, האט מען דאך בעדארפט זאגען: שכור ווי נח?

— דו פערשטעהסט ניט קיין עסק, שמערל, נח האט געהאט דריי

ערוואַקסענע קינדער און אַלע זְכָרִים, האָט ער געמעגט טרינקען. לוט אָבער האָט געהאַט צווי ערוואַקסענע מעדלעך, און האָט זיך ערלויבט צו טרינקען, הייסט ער מאַקן אַ שכּור...

כַּלָּה מַשְׁקֶה.

— פאַרוואָס האָט עס לוט'ן אַזוי געצויגען שטענדיג צו'ם טרונק?

— ווייל דאָס ווייב איז געווען הוילע זאַלץ...

— פאַרוואָס האָט לוט אויסערוואוילט צו בעזעצען זיך אין סדום?

— ווייל זי איז געווען כַּלָּה מַשְׁקֶה...

טרינקען פון אַ טעפעל.

— פאַר וואָס האָט זיך דער אַלטער, זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, נוֹהֵג געווען צו טרינקען שנאַפּס פון אַ טעפעל?

— גאַנץ איינפאַך, ווייל דאָס קלענסטע טעפעל איז שטענדיג גרעסער פאַר דאָס גרעסטע גלעזעל...

אַ מוּסָר הַשֵּׂכֶל.

איינער אַנ'אַנטיאַלקאָהאָליסט האָט בעגעגענט אַנ'אַלטען שכּור, וועלכען ער האָט געוואָלט בעווייזען, אַז שכּרות איז שעדליך און פערקירצט דאָס לעבען.

— ווי אַלט זענט איהר? — פרעגט ער דעם אַלטען.

— 90 יאָהר.

— און ווי לאַנג טרינקט איהר שוין?

— 80 יאָהר.

— זעהט איהר, — מוסר'ט איהם דער אַנטיאַלקאָהאָליסט — וואָלט איהר נישט אַזוי פיעל געטרונקען, וואָלט איהר שוין איצט אַלט געווען אַם וועניגסטענס 120 יאָהר!...

ניט קיין שלעכטע בהמה.

— דו שרייסט אלץ, איך האב דיר איינגעהאנדעלט א שלעכטע בהמה — זאגט דער מלמד צו דעם ווייב — קום נאר אין שטאל, לאמיר זעהן וואס איז דאס פאר א מין שלעכטע בהמה.

זיי זענען אריין אין שטאל.

— נעהם דעם מילך־שעפעל און מעלק! די מלמדקע האט גענומען מעלקען, און עס געהט ניט.

— זעהסטו? האב איך דיר ניט געזאגט, אז די בהמה איז ניט קיין שלעכטע?... זאג אליין, זי האט דען מילך און גיט ניט? זי האט דאך ניט!...

גוט אויפטרייסלען.

— אט דעם רעצעפט — זאגט דער דאקטאר צו דער פויערטע — זאלסטו געבען דיין מאן דריי מאל אין טאג צו עס־לעפעל, נאר פריהער זאלסטו איהם גוט אויפטרייסלען, דו פערשטעהסט?

— איך פערשטעה!

— וואס מאכט דיין מאן? — פרעגט דער דאקטאר דער פויערטע אין אכטטאג שפעטער.

— מיין מאן איז שוין אויפ'ן עולם האמת!

— אזוי?... ער איז דאך גאר ניט אזוי שטארק קראנק געווען! האסטו איהם געגעבען דעם רעצעפט?

— ניין, דער רעצעפט איז אינגאנצען אויסעגעבליבען.

— פארוואס?

— א, דאקטאר, איך האב געבראכט דעם רעצעפט פון אפטייק, און מיינע צוויי עלטערע זיהן צוזאמען מיט א פאר שכנים האבען א נעהם געטהון דעם אלטען פאר די הענד און פאר די פיס, כדי איהם גוט אויפטרייסלען, זיי האבען איהם סך הכל געטרייסעלט א האלבע שעה... מען וויל איהם איינגעבען די ערשטע לעפעל פון רעצעפט, מען דערזעהט אבער ער איז שוין פארטיג... אין די הענד איז ער פארטיג געווארען...

אויפ'ן עקזאמען.

— שוין באלד א שטונדע, אז איהר רעדט, הערר סטודענט, און איך האב אייך ניט פערשטאנען איין ווארט — זאגט דער פראפעסאר.

— ס'א וואונדער! — זאגט דער סטודענט — איהר, הערר פראפעסאר האט גערעדט א גאנץ יאהר און איך האב אייך ניט פערשטאנען א ווארט...

לערנען אויף בים.

— נו, מיין תכשיט, דו ביזט שוין דא? זאג נאר, וואס האבען דיר דארט די לעהרער געזאגט אויף דיינע „פערעקזאמענאוקעס"?

— די לעהרער האבען געזאגט: „בים"...

— וואס הייסט בים?

— דאס הייסט, זיי זענען אזוי צופריעדען געבליעבען מיט מיינע תשובות אויף זייערע פראגען, אז זיי האבען מיך געבעטען ווידערהאלען אלע למודים נאך א יאהר אין דער זעלבער קלאסע...

איך האב מורא.

— ווייז נאר, מיין קינד, די צונג! — זאגט דער דאקטאר צו'ם קראנקען יינגעל.

— איך האב מורא.

— וואס האסטו מורא?

— דער רב שלאגט מיך פאר ווייזען א צונג...

הייראטען אוים ליעבע.

— ערקלער מיר נאר, פייוועל, וואס הייסט עס אזוינס ביי די „היינטיגע" הייראטען אוים ליעבע?

— דאס הייסט, פערשטעהסטו מיך, הייראטען און אוים ליעבע...

אַ נס.

— אַ נס, יואָס משה רבינו האָט אונז געגעבען די לוהות — זאָגט אַ ישובניק — וויסען מיר חאָטש אַמאָל ווען אַ יריד איז...

אַנ'אויסצוג פונ'ם מגיד'ס דרשה.

... דער נמשל איז: דער וואַלד איז די וועלט, דער בער — איז דער יצר הרע, דער יעגער — בין איך, און די גרויסע מיט די קליינע הינטעלעך — ענדיגט ער מיט אַ ניגון — זענט איהר, רבותי!...

נאָר קליינע קינדער.

דער גובערנאַטאָר איז געקומען אין אַ פראָווינציאַלע שטעדטעל פון זיין גובערניע. מען האָט געמאַכט גרויס פאַראַד. ביי מיטאָג האָט דער גובערנאַטאָר זיך אויסגעפרעגט וועגען אַלע ענינים פון שטעדטעל, צו'ם סוף האָט ער אַ פרעג געטהון:

— זענען עפעס אַמאָל געבאָרען געוואָרען גרויסע מענשען ביי אייך אין שטעדטעל?

— ניין, אַדוני גובערנאַטאָר, — ענטפערט דער בורגמייסטער — איך בין שוין מעהר פון 30 יאָהר בורגמייסטער דאָ אין שטעדטעל, און עס ווערען דאָ אימער געבוירען אַלץ קליינע קינדער...

אַ רמז אויף אַ יאַרמעלקע אין דער תורה.

— וואו געפינען מיר אין דער תורה, אַז אַ ייד מוז געהן אַ יאַרמעלקע? — האָט אַ חסיד געפרעגט דעם רבי'ן.

— גאַנץ איינפאַך — האָט דער רבי געענטפערט — אין דער תורה שטעהט: „ויאמר ד' אל אברם לך לך" ד. ה. „גאָט האָט געזאָגט צו אַברם'ן: דו זאָלסט געהן", נו, הייסט געה אַ ייד אָהן אַ יאַרמעלקע!...

אנ׳ערקלערונג פון שניידערשען מגיד.

— פארוואס, רבי, מאכען מיר שניידער א יום טוב אין שוהל פרשה לך לך?

— פרשה לך לך, פערשטעהט איהר מיך, איז א שניידערשער יום טוב, היינט לייענען מיר אין דער תורה, אז אברהם אבינו איז געוועזען דער ערשטער שניידער, וויל גאט האט צו איהם געזאגט; „וספר את הכוכבים״, ד. ה. „פערנעה די שטערען״...

פערשפארען אנ׳ארבייט.

— פארוואס האסטו ארעבגענומען די דראהטען פון די טעלעגראפען-זיילען? — פרעגט דער ריכטער דעם גנב.

— פערשטעהט איהר מיך, הערר ריכטער, איך האב געהערט, אז היינט ווערט שוין געמאכט א טעלעגראף גאר אהן דראהט, דעריבער האב איך געוואלט דער רעגירונג פערשפארען אנ׳ארבייט אראבצונעהמען די דראהטען...

א מיטעל צו׳ם אפעטיט.

— האט רחמנות, דאקטאר, שוין דריי טאג, אז איך האב ניט פערזוכט עסען!

— נא, אט האסטו א מיקסטור, נעהם דאס איין דריי מאל אין טאג צו 10 טראפען אויף וויין פאר׳ן עסען, וועסטו בעקומען זעהר א גוטען אפעטיט!...

איך קען דאס דעם טאטען ניט טהון.

— ניין, מאמינקע, זאג זיך וואס דו ווילסט, קיין קדיש וועל איך נאך דיר לאחר מאה שנים נישט זאגען!

— אט אזוי רעדט דאס א זוהן?! און וואו איז כבוד אם?

— ניין, מאמינקע, איך קען ניט, איך קען דאס דעם טאטען עליו השלום ניט טהון!

— וואָס רעדסטו, חיים, וועט דען דער טאַטע ליידען, ווען דו וועסט זאָגען נאָך מיר קדיש?

יע, מאַמינקע, פערשטעהסטו מיך, דער טאַטע איז דאָך שוין לאַנג אין גן-עדן, און ווען איך וועל זאָגען נאָך דיר קדיש, וועסטו דאָך אויך אַריין אין גן עדן, דאַן וועט דאָך איהם דער גאַנצער גן עדן אין אַ גיהנם פערוואַנדעלט ווערען...

פעקלעך.

— יעדער ייד האָט זיך זיין פעקעל.

— אָה, ווען אַ ייד וואָלט האָבען בלויז איין פעקעל, וואָלט גוט געווען, דער פעהלער איז וואָס יעדער ייד האָט אַ סך פעקלעך!

— פון וואַנען נעהמסטו דאָס?

— קום אין גאַס, וועל איך דיר ווייזען.

זיי גועהען אַרויס אין גאַס און בעגעגענען אַ יידען, דער צווייטער שטעלט איהם אָב און גיט איהם אַ פרעגע:

— זאָגט נאָר, ר' ייד, וואו איז אייער פעקעל?

— וועלכער?

— אָט זעהסטו שוין, אַז דער ייד האָט אַ סך פעקלעך!...

דאָס קאָן איך אויך.

— באָרגט מיר, ר' לייב, אַ הונדערטער, נאָך שבת וועל איך אייך איהם אָבגעבען מיט דאַנק.

— איך וואָלט אייך מיט פערגניגען געבאָרגט, נאָר איך האָב ניט.

— פאַרוואָס בעט איהר נישט ביי מיר קיין גמילות חסד? — פרעגט בערל מלמד, וועלכער איז דערביי געווען.

— וואָס הייסט? איהר האָט דען?...

— איך האָב טאַקי ניט, נאָר ענטפערען „איך האָב ניט“ קאָן איך דאָך אויך!...

אַ גליק געשעהן.

דער ערד איז געשעהן אַ גליק, וואס זי האט פערהאַפט אַנ'עפען טהון דאס מויל און אײַנשלינגען קרח'ן מיט דעם ווײַב, ווען אבער קרח'ס ווײַב וואלט פריהער אַנ'עפען טהון דאס מויל, וואלט זי געוויס די ערד אײַנגעשלונגען...

בלשון נקבה.

— פאַרוואס איז די ערד אויף אַלע שפראַכען בלשון נקבה?

— ווײַל קײנער ווײס ניט ווי אַלט זי איז...

אנצוהערעניש.

— וואס זאל איך אײַך שענקען, פרײַליין, צום אַנדענקען?

— הם... איך וואלט אײַך בעטען, מײַן הערר, איהר זאלט מיר שענקען אײַער פאַמיליענאמען...

אבגעברענט פון דער שרפה.

גיט אַ נדבה אַ יידען אַ נשרף!

— פון וואַנען ווײס איך, אַז איהר זענט אַ נשרף!

— אט האט איהר אַ כתב פון אונזער רב זאל לעבען!

— ווי אַזוי קאן איך וויסען, אַז דער כתב איז אַ ריכטיגער?

— אט האט איהר אַ בעווײַז — דער כתב איז אין ווינקעל אַביסעל אבגעברענט פון דער שרפה!...

קנעלען און האלץ האַקען.

— וואס איז דער אונטערשיעד פון קנעלען ביז האלץ האַקען?

— אײן קלײניגקײַט: בײַ'ם האלץ-האַקען איז וואס מיט אַ פויער מעהר — אַלץ לײַכטער, און בײַ'ם קנעלען וואס אַ פויער מעהר — אַלץ שווערער...

אין אייער תורה איז אויך קיין גרונד ניטאָ.

די „פּני" העיר זיצען יו"ט ביי'ם רבי. דער רב זאָגט תורה און אַלע העֶרען זיך צו מיט כונה. בתוכם זיצט אויך אַן'אויפֿגעקומענער קצב, וועלכער האַלט זיך פֿאַר אַ גרויסען פּאַטמאַן, ער צעטיילט דעם פּריידאָק, אַז איהם בלייבט ניט קיין ביינדעל, און דאָך בלייבען אַלע ווייבער צופֿריעדען מיט די חלקים...

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען, רבי, — זאָגט דער קצב, וועלכער האָט געוואָלט ווייזען דעם עולם, אַז ער פֿערשטעהט אויך דעם רב'ס תורה — אין אונזער קצבי'ש איז דאָך ניטאָ קיין גרונד, ערשט זעה איך, אַז אין אייער תורה איז אויך קיין גרונד ניטאָ!...

איך קאָן נישט ערב זיין.

— ווי איך זעה, הערר רייכמאַן, זענט איהר איצט בעשעפֿטיגט, דעריבער וועל איך אייך נישט שטערען, איך וועל אייך נאָר זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען סטראַכירען זיך... — זאָגט דער אַגענט.

— ווילט איהר דען פֿערסטראַכירען אַ מערדער?

— וואָס הייסט? איהר האָט דען עמיצען גע'הרגעט?!...

— דערווייל נאָך נישט... איך קאָן אָבער נישט ערב זיין, אויב איהר וועט מיר נישט אויפֿהערען צו דולען דעם קאָפּ!...

נישט קיין מכשף.

— וואָס זאָגט איהר, רבי, אויפ'ן חתן, איהר האָט דאָך איהם פֿערהערט, קאָן ער לערנען?

— הם... קיין מכשף איז ער ניט.

— וואָס הייסט, איך זוך דען אַ חתן אַ מכשף?

— פֿערשטעהט איהר מיך, ער איז אַ פּראָסטער גוי...

מָמוֹן קֹרַח.

— וואו געפינען מיר, אז קרח איז געווען אזוי שטארק רייך, וואס מיר זאגען דעריבער: „ממון קרח".

— א קלייניגקייט קרח! געוויס איז ער רייך! ווייל אלע היינטיגע געשעפטען ליעגען ביי איהם אין די הענד,

— פון וואנען נעהמסטו דאס?

— גאנץ איינפאך, קרח ליעגט אין דער ערד, און אלע היינטיגע געשעפטען ליעגען אין דער ערד...

די בעסטע מַתָּנָה.

— זאג, מיין קינד, וואס פאר א מתנה זאל איך דיר געבען? — פרעגט דער מחותן דעם חתן.

— די בעסטע מתנה וואלט געווען, מחותן, איהר זאלט מיר געבען צוריק די תנאים...

נישט געשוויגען.

— ווי געפעלט אייך א העזה פון מיין בעל־הבית, ער האט דאך מיר היינט געגעבען צוויי פייערדיגע פעטש!

— נו, און דו האסט געשוויגען?

— חלילה! איך האב א גאנצע שעה געוויינט!...

א פארציע גרייזען.

— וואס גיבט עס, קעלנער, צום עסען?

— אט האט איהר, רב אורח, א קארטע, אלץ וואס דא איז פארהאן קענט איהר בעקומען.

— אלוא, גיט מיר, קעלנער, א פארציע גרייזען, ווייל זיי זענען דא פאר־האן אם מעהרסטען...

קאַפּיטאַל און אַרבײַט.

— ערקלער מיר, פײַוועל, וואָס איז אַזוינס קאַפּיטאַל און וואָס איז אַזוינס אַרבײַט?

— אָט, למשל, איך באָרג בײַ דיר אַ הונדערטער, הײַסט עס, איך האָב בײַ דיר גענומען קאַפּיטאַל. נאָכדעם לויפסטו צו מיר נאָכמאָנען דאָס געלד דאָס איז שוין אַן'אַרבײַט...

קומען צו'ם אמת.

— ערקלער מיר, פײַוועל, פאַרוואָס וואַרט דער גאַנצער עולם אין שני־פּעשאַקער שוהל אויפ'ן רב, ביז ער געהט אוים שמונה עשרה, און מען וואַרט נישט אויף איהם, ביז ער וועט ענדיגען קריאת שמע?

— שוטה אײנער, וואָס פערשטעהסטו ניט, אַז דער רב וועט אַמאָל אויסגעהן... איז שני־פּעשאַק זיכער, אָבער אַז דער רב זאָל אַמאָל קומען צו'ם „אמת"... דאָס איז אַ שטאַרקער ספק...

אַ צאַצקע אַ יונגער מאַן.

אין אַ וואַגאָן זיצען זיך אַ פּאָר ייִדען און פּלוידערען, ווי דער שטײגער איז:

— האָט איהר קינדער? — פרעגט אײנער דעם צווייטען.

— יאָ, אײן זוהן.

— אַזוי? אַ בן יחיד! האָט איהר פון איהם נחת?

— נישט צו פערזינדיגען.

— איז ער נישט אַמאָל אַ „חברה מאַן", ווי די הײַנטיגע יונגעלײַטלעך און שלעפּט זיך ניט אום ביז שפּעט בײַ נאַכט מיט די בונדיסטלעך אויף „זאַ־סעדאַנעס"? שפּילט ער נישט אין קאָרטען?

— חס וחלילה! 8 אַ זייגער אין אָוונט עסט ער אָב וועטשערע און לעגט זיך שלאָפען, און אַ קאָרט האָט ער קײנמאָל אין האַנד נישט געהאַלטען.

— װעהר שען, װעהר שען בײַ הײַנטיגע צײַטען, װי אַלט איז אײַער װהן?

— איהם איז שױן אָהן עין הרע געװאָרען פֿאַר פסח פֿיער מאָל׳דיגע יאָהר!...

בּיזטו דאָך טאַקי אַ נאַר.

— װאָס זאָל איך טהון, פֿײַװעל, כּדי איך זאָל נישט זײַן קײן נאַר?

— קוים װײַזטו, טודרוס, אַז דו בּיזט אַ נאַר, בּיזטו דאָך גאָר אַ קלוגער.

— פֿאַרװאָס האַלט מיר די װעלט פֿאַר אַ נאַר, װי באַלד איך בּין אַ קלוגער.

— שױן, האַלסט זיך שױן פֿאַר אַ קלוגען, בּיזטו דאָך טאַקי אַ נאַר!...

אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה.

— זאָגט מיר, ר׳ בּערל, איהר זענט דאָך אַ ייד אַ מְדַקְדֵק, דאָס װאָרט „תשובה״ איז לשון זָכָר אָדער לשון נְקֵבָה?

— געװיס איז תשובה נקבה, װײַל עס ענדיגט זיך מיט אַ „הא״.

— איך גלױב נישט, ר׳ בּערל:

— פֿאַרװאָס?

— גאַנץ אײנפֿאַך, װען „תשובה״ װאָלט געװען נקבה, װי װאָלט אײַך נישט געהאַט אַמאָל אַ הרהור תשובה...

בּײַטען זיך מיט די נעמען.

— װען נעהמט מען דאָס װײַב דעם מאַנס נאָמען?

— צו דער חופּה.

— װען זשע נעהמט מען דער מאַן דעם װײַבס נאָמען?

— צו׳ם באַנקראָט!...

די ריכטיגע אורזאכע!

— גענוג שוין צו וויינען, לאָה, גענוג שוין צו קלאָגען, געשטאָרבען, וואָס קען מען מאכען? פון קבר וועסטו שוין דיין מאן ניט אויסגראָבען!

— שלעכט, ברײנע, שלעכט! וואָס זאָל איך איצט טהון? ווען ער וואָלט געשטאָרבען פאָריגעס יאָהר, האָב איך געהאט א פערטיגען שידוך. איצט אָבער איז שוין צושפעט...

פון די וואַרשעווער גאסען.

— האָט איהר דאָ נישט בעמערקט קיין פאָליציאנט?

— איך שפּאציער דאָ שוין א שטונדע און האָב קיין פאָליציאנט נישט געזעהן.

— אויב אזוי, גיט זשע שנעלער אייער געלד...

א נאאיווע פראגע.

אדוואָקאט: איך האָב אייך פערטיידיגט, מיין הערר, ווי אַנ'אייגענעם זוהן.

קליענט: איז אייער זוהן אויך א באנדיט?...

זיעבען נעמען.

— פארוואָס האָט יתרו געהאט זיעבען נעמען?

— ווייל ער האָט געהאט זיעבען טעכטער און ווי דער מִנְהָג איז, האָט ער נאָך יעדעס מאָל חתונה מאכען א טאָכטער געמוזט באנקראָטירען און לאָזען איבערשרייבען דעם שילד...

שעדליך פאר'ן געזונד.

— גלויבט איהר טאקי, פרײלין, אז א קוש איז שעדליך פאר'ן געזונד?

— יאָ, מיך האָט אמאָל א הײרר א קוש געטהון, איז ער אוועק מיט אונטערגעשלאָגענע אויגען...

אומזיסט ביזטו מיר מְקַנֵא.

— איך בין דיר מקנא, זָרַח, ס'אַרַאַ ווירטעָן אַ פּרוי דו האָסט, אָט זיצט זי און פערנעהט אַליין דעָם אָבגעָריסעָנעָם לאַץ פון דיין מאַנטעָל.

— אומזיסט ביזטו מיך מקנא, ברוך, דאָס האָט זי געָבעטעָן אַליין דעָם לאַץ אָבגעָריסעָן, ניט לאָזעָנדיג מיר אַביסעָל אַרויסגעָהן אין אָוועָנד שפּאַציר־רעָן ...

לָכֶם וְלֹא לוֹ.

—— ערקלעָר מיר, פייוועָל, מיט וואָס איז דעָר „חָכָם" פון דעָר הַגָדָה מעָהר יַחְסָן פאַר'ן „רָשָׁע", עָר זאָגט דאָך אויך אַזוי ווי דעָר רשע „אֶתְכֶם" —— אייך און ניט „אותנו" —— אונז, קעָן מעָן דאָך ביים „חכם" אויך דרינגעָן, אַז עָר מיינט „אתכם ולא אותו", דאָס הייסט, אייך אָבעָר ניט איהם?!

— עָס איז שוין רעָכט, בעָריל, דעָר „חכם" איז דאָך אַ זיידעָנעָר יונ־געָרמאַנטשיק, האָט עָר דאָך קיין דקדוק אויף זיין לעָבעָן ניט געָלעָרעָנט, דאַרף עָר גאָרנישט זאָגעָן „אותנו", וואָרום עָר מיינט, אַז „אתכם" איז דעָר טייטש אונז... אָבעָר דעָר „רשע", עָר האָט דאָך יאָ געָלעָרעָנט דקדוק און וויים וואָס עָר רעָדט, דעָריבעָר ווען עָר וואָלט זיך אויך גערעָכעָנט אין כלל, וואָלט עָר געָוויס געָזאָגט „לנו"; קוים זאָגט עָר אָבעָר „לכם", מיינט עָר מן הסתם: „לכם ולא לו"...

רַבִּי יְהוּדָה'ס סִימָנִים.

— איז דאָס ביי אייך אַזאַ מנהג אָבצוגיסעָן פון כּוס נאָר ביי די סימנים און ניט ביי די עֶשר מכּות? —— האָט געָפרעָגט דעָר קאַרגעָר גביר זיין אורח, וואָס איז ביי איהם געָזעָסעָן צו'ם סדר און האָט בעָקומעָן זעָהר אַ קליינעָם כּוס.

— ניין, — זאָגט דעָר אורח — נאָר איך האָב זיך נוהג געָוועָן ווי רבּי יהודה, וואָרום צו וואָס אייגעָנטליך האָט רבּי יהודה נויטיג געָהאַט צו געָבעָן סימנים אויף די מכּות, נאָכדעָם ווי יעָדעָ מכּה בעָזונדעָר איז גאַנץ דייטליך

אוימגערעכענט געוואָרען? די מעשה איז אָבער אזוי, ער האָט געמוזט זיצען אמאָל צו׳ם סדר ביי א קארגען גביר. וועלכער האָט איהם אוועקגעשטעלט א קליינעם כוס, האָט ער זיך מישב געווען, אז ער וועט אָבגיסען 10 מאָל ביי יעדער מכה בעזונדער, וועט דאָך איהם בלייבען א מכה אין כוס... האָט ער דעריבער צוזאמענגעלעגט אייניגע מכות צוזאמען און אָבגעגאָסען איינמאָל...

א זֵכֶר לְטִיט.

– מיר עסען צו׳ם סדר מרור אלס זכר, אז די מצרים האָבען פערביטערט אונזערע עלטער׳ן דאָס לעבען, – חרוסת איז א זכר צו די לֵיים, וואָס אונזערע עלטערן האָבען געקנאָטען, מַצָה איז א זכר צו׳ם לחם עוני און א. וו. פארוואָס זאָל מען אָבער נישט לעגען צו׳ם סדר א ביטול געלד, אלס זכר צו׳ם ברכוש גדול?

– פונ׳ם געלד איז גאָר קיין זכר נישט געבליבען...

א גרויסען פריז.

מיר שמאַטעס, וועלכע האָבען זיך ארומגעוואלגערט אין די סמיעטניקעס און אין אלע מיסטקאסטענס און זענען דורך גוטע מענשען געהאָלפען געוואָרען עולה לגדולה צו ווערען און פערוואנדלען זיך אין קלאָרעס ווייסעס פאפיער, זענען מודיע, אזוי ווי אונז האָט געטראָפען אַן׳אונגליק נעבעך אריינצופאלען אין שלעכטע הענד, וועלכע האָבען פון אונז אויסגעארבייט „ווארשעווער פורים-און פסח-בלעטער", דעריבער האָבען מיר בעשלאָסען בעשטימען א גרויסען פריז פאר דעם, ווער עס וועט אונז צוריק פערוואנדלען אין שמאַטעס, אדער ווער עס וועט אין אונז אַמוועניגסטען געפינען א געברויך אלס „אשר יצר פאפירלעך"...

בלייבען זיצען.

– זאָג נאָר, פייוועל, פארוואָס האָבען די רעכטע אויפגעהערט צו שרייען, מען זאָל פאנאנדערטרייבען די דומא?

— פֿערשטעהסטו מיך, בערל, זיי האבען זיך ארומגעזעהן, אז יעדעס מאָל, ווען מען צוטרייבט די דומע, ווערען אויסגעטריבען די רעכטע, און די לינקע בלייבען „זיצען“...

פראַגרעס.

— ערקלער מיר, פייוועל, פארוואס געהען מיר אין רוסלאנד אזוי שנעל פאָרווערטס?...

— פֿערשטעהסטו מיך, אין אנדערע לענדער זיצט נאָר איין פארלאמענט, און ביי אונז אין רוסלאנד „זיצען“ שוין באלד דריי... *)

א פֿערקעהרטע וועלט.

אויף אמורס-אלעע אין גאָרטען,
זיצען ליעבעס-פּאָרלעך פיעל,
קרעכצען... חלום'ן... און לאכען...
און זיי רעדען אזוי שטיל...

ס'זענען אויסגעפוצט די מעדלעך
מיט די לאנגע שענע צעפ,
און די בחורים דערנעבען
מיט בעשוירען רונדע קעפ.

נאָר צעווישען אלע בענקלעך
זיצט פֿערוואָרגט א יונגע פּאָר,
און זי געהט דעם קאָפּ געשוירען,
און גאָר ער טראָגט לאנגע האָר...

י. ג.

*) געשריבען אין יאָהר 1908.

אַ גוּט הערצ׳גען.

ווען איך געה פערביי דעם שולהויף,

זעה איך דאָרט אַן אָרימאַן,

און זיין האַנד איז אויסגעצויגען —

אַ נדבה בעט ער דאַן.

— גלויב מיר, איך וואָלט דיר געגעבען —

ענטפער איך איהם מיט קוראַזש —

כ׳האָב רחמנות פאַר מיליאָנען,

נאָר קיין פרוטה נישט אין טאַש!...

איצט חתונה געהאַט.

— אַזוי? ! האָסט שוין חתונה געהאַט און לעבסט איצט גליקליך!

— ניין, מיין פריינד, איך האָב געלעבט גליקליך, און האָב איצט חתונה געהאַט...

אַ קלוגע מאַמע.

דאָקטאָר: אָט דעם רעצעפּט זאָלט איהר געבען דעם קינד זעקס לעפעלעך אַ טאָג.

מוטער: הערר דאָקטאָר, איך האָב אָבער מעהר ניט ווי 3 לעפּעלעך!...

פערשטאַנען.

ריכטער (צו דער עדות׳טע): פערהייראַטעט, אָדער ניין?

עדות׳טע ענטפערט נישט, נאָר זיפצט אָב.

ריכטער (צו׳ם סעקרעטאַר): שרייבט: אונפערהייראַטעט.

אַ וויילע שפּעטער פרעגט דער ריכטער אַן עדות: פערהייראַטעט, אָדער ניין?

עדות ענטפערט נישט, נאָר זיפצט אָב.

ריכטער (צו׳ם סעקרעטאַר): שרייבט: פערהייראַטעט...

אויף עבּיג געשיידט.

פאבּריקאנט: וואָס זיפצט איהר אזוי בּיים אונטערשרייבּען די וועקסלען?

סוחר: גאָט דער לעבּעדיגער ווייסט, צי איך וועל זיך שוין מיט די פּאַפּיערלעך אַמאָל ווידער זעהן!..

געלעבּט מיט רעכנונג.

– טאַטע, שלאָג מיך אָן אַבּיסעל!

– וואָרום?

– וועט מיר די מאַמע ווידער געבּען שאָקאָלאַדקעס...

שלעכט פערשטאַנען.

פּאָעט: זאָגט איהר גאָר, אז מען קאָן מיינע שירים ניט לעזען, האָבּ איך דען אזא שלעכטע האַנדשריפט?!

רעדאַקטאָר: געשריבּען קאָן מען זיי טאַקי יאָ לעזען, אָבּער נישט געדרוקט...

פּטור ווערען.

– איך האָבּ אַמאָל געהאַט אַ הונד אזא קלוגען, אז ער פּלעגט מיט דער מינוט דערקענען דעם גנב און פּלעגט איהם בּאַלד חאַפּען בּייסען.

– וואו איז ער אַהינגעקומען?

– איך האָבּ איהם געמוזט פערקויפען.

– פאַרוואָס?

– פערשטעהסטו מיך, ער האָט מיך אַמאָל אזוי צובּיסען, אז איך האָבּ זיך בּעשלאָסען פּטור צו ווערען פון איהם...